Glatstein's brother

מייא 12,1975.

מארקוס גלאדסטון

21 טאגור,דירה 13

רמת אביב.טעל.413733.

זייער חשובער פראפעסאר דוד ראסקעס!

וואלט אייער פארטראג,וועגן מיין ברידערס מאדערניזם אין דער יידישער פאעזיע, פארגעקומען א ביסעלע נענטער צו תל אביב,וואלט איך ווי שוואך איך זאל זיך נישט פילן געקומען אייך הערן און גלייכצייטיג פערזענליך אייך אויסדריקן מיין דאנק פאר אייער דערמאנען אים.כ'האב אייך פערזענליך קיינמאל נישט בעגעגנט,אבער אייער נאמען איז מיר זעהר בעקאנט נאך פון די צייטען,ווען מיין ברודער פלעגט פארן קיין קאנאדע,פלעגט ער מיר דערציילן וועגן די משפחה ראסקעס, וועלכע האט איינגעפלאנצט אין זייערע קינדער א ליבשאפט צום יידישן לשון. פון דער צווייטער זייט,האב איך דעם נאמען אויך גיהערט פון מיין איצטיגע פרוי, וועלכע איז די מוטער פון יהושוע יורמנער און איר ערשטער מאן איז גיוועזן אין גישעפטליכע פערבינדונג מיט אייער עלטערן נאך אין טשערנאוויטץ.

איז ווו איר זעהט זענין מיר א ביסעל געקניפט און געבינדען.ס'דאכט זיך מיר אויך אז אייערס א שוועסטער האט אנגעשריבן א פראכטפול ארטיקעל נאך מיין ברודערס טויט אין די"ירושלים פאסט„פון דעם ארטיקעל האט מען גיקענט זעהן ווי גוט זי האט אים פערשטאנען.אז כ'האב היינט איבערגילייענט דעם אנאנס אין די „פאסט" האב איך זיך דערמאנט אין מיין ברודערס א ליד.. 2 "אבער אז ס'וועט א יידישער שול יאט,אין מיין נאמען זיך דערמאנען,ברענגען פון מיר א ציטאט,זיך ארויסהעלפן מיט מיינס א שורה,אין א הונדערט יאר ארום ,וועלן מיינע לעפצן,ווו איך זאל נישט שוועבן, זאגן ערלעך און פרום,דאס הייסט אויפגיין לעבן ,זיין אומשטערבלעך ,אין דעם קליינעם ליבען ,וויינגארטן פון מיין פאלק.זייט 147 "די פרייד פון יידישן ווארט„ איך דאנק אייך נאכאמאל אין מיין און אין מיין פרויס נאמען פאר דעם פערנעמען זיך מיט מיין ברודערס איבערבלייב.

מיט בעסטע גרוסן, און [illegible] פאר
אייך, מארקוס און רעגינע גלאטשטיין